**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/17/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 23 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין פאקיפסי**

***׳קראנעל סקווער׳ פארמאגט 75 געמישטע איינקונפט וואוינונגען אין הארץ פון דאונטאון פאקיפסי***

***דעוועלאָפמענט געאייגנט צו מוטיגן פיסגייער טראפיק לענגאויס מיל און מעין סטריטס***

***טייל פון גאווערנער׳ס 25 ביליאן דאלערדיגע פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן***

**בילד צו באקומען [דא]**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט דאס פארענדיגן א 23 מיליאן דאלערדיגן צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין פאקיפסי. ׳קראנעל סקווער׳ פארמאגט 75 צוגענגליכע דירות אין אן ענערגיע-שפארעוודיגע געביידע, אריינגערעכנט 12 שטיצנדע וואוינונגען און 26 מיט א פרעפערענץ פאר איינקונפט-בארעכטיגטע ארטיסטן. די געביידע, וועלכע איז געבויט אויף׳ן ארט פון אן אונטערבאניצטע פאַרקינג לאַט, איז געאייגנט אויף צו פארשטערקערן די גאסן-אויסזע און מאכן שטייגן פיסגייער טראפיק אין דעם דאונטאון געגנט.

״מיין אדמיניסטראציע איז ווייטער לעיסער-פאקוסירט אויף העכערן די צוגענגליכע האָוזינג סופליי אין שטעט ווי פאקיפסי מיט אויסגעצייכנטע צוטריט צו דזשאָבס, טראנזיט און סערוויסעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אינוועסטירונג אין ׳קראנעל סקווער׳ וועט פארמיטלען א מער לעבהאפטן, זיכערן און צוציענדן דאונטאון געגנט און גלייכצייטיג צושטעלן 75 ענערגיע-שפארעוודיגע און מאדערנע דירות פאר יחידים און פאמיליעס. דורך שאפן נייע, צוגענגליכע האָוזינג אפציעס אין שטעט לענגאויס ניו יארק, ווען מיר פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט און סטאביליטעט פאר אלע ניו יארקער.״

׳קראנעל סקווער׳ איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס גאנץ-סטעיט׳יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

דער דעוועלאָפּמענט באשטייט פון אן איינציג פיר-שטאקיגע געביידע אין פאקיפסיס אויבערשטן מיל סטריט היסטארישער דיסטריקט. ׳קראנעל סקווער׳ איז געאייגנט אויף איבערצושאפן די היסטארישע סטוּפּ סטיליזירונג וואס איז פראמינענט אין די ארומיגע אומגעגנט און מוטיגן פיסגייער טראפיק לענגאויס מיל סטריט. דער דעוועלאָפּמענט רעכנט אריין א נייע פיסגייער פלאזא מיט בענק און לענדסקעיפ

פלאנצונגעןביים צפון-מזרח ווינקל פון דעם ארט וועלכס גייט נאך דעם ארגינעלן וועג פון קראנעל סטריט.

די 75 דירות רעכענען אריין א געמיש פון איין, צוויי און דריי-שלאפצימערדיגע דירות צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביי אדער אונטער 100 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפט אין דעם געגנט.

פינף דירות זענען אוועקגעלייגט פאר יחידים מיט גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן און זיבן דירות זענען אוועקגעלייגט פאר יחידים מיט פיזישע אומפעאיגקייטן. די איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו אויפ'ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס באזארגט דורך הודסאן ריווער האָוזינג. עס איז דא איין דירה פאר אן אויפ'ן-ארטיגן סופעראינטענדענט.

די געביידע איז אויסגעשטעלט אויף נאכצוקומען די סטאנדארטן פון דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס 'לאָו-רייז ניו קאנסטראָקשען' פראגראם און פירערשאפט אין ענערגיע און ענווייראנמענטאלע אויסלייג באשטעטיגונג. ענערגיע-גינציגע מאסנאמען רעכענען אריין הויכע פונקציע HVAC און שטוב-באניציגע הייסע וואסער סיסטעמען, הויכע פונקציע ספרעי-פאָום אינסולעישען, און 'ענערדזשי סטאַר' פענצטער און עפלייענסעס. די געביידע איז EPA 'ענערדזשי סטאַר' האָומס 3.1v סערטיפייד און EPA אינעוויינינגע 'עיר-פלוס' סערטיפייד.

איינוואוינער באקוועמליכקייטן רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער, לאָנדרי איינריכטונגען, פיסגייער פלאזא, מיטגעטיילטע ארבעטפלאץ, א טענאנט פארוויילונגס ארט, און אינערליכע און אויסערליכע ביציקל סטאָרעדזש.

'קראנעל סקווער' געפונט זיך אינערהאלב א פיסגייער מרחק פון פאקיפסי'ס מעטראָ-נאָרט און עמטרעק באן סטאנציע, די 'וואָקוועי אָווער דע הודסאן', דער קונין-העקעט קונסט צענטער, דער פאקיפסי פובליק לייברערי, סיטי האָל און דוטשעס קאונטי אפיסעס, און די היסטארישע 'בארדאוואן' אפערא הויז.

דער פראיעקט'ס דעוועלאפערס זענען 'קיערני ריעלטי' און 'דעוועלאָפּמענט גרופ אינק.', און הודסאן ריווער האָוזינג.

סטעיט פינאנצירונג פאר'ן דעוועלאפּמענט רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 11.5 מיליאן דאלאר אין באזיצערשאפט און 1.7 מיליאן דאלער אין סובווענץ פון ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי רינויועל'. דער ארט איז ערפאלגרייך אויפגעראכטן געווארן דורך דעם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג'ס 'בראָונפילד' אויפריניגונג פראגראם און איז געווארן בארעכטיגט פאר 2.9 מיליאן דאלער אין שטייער קרעדיטס נאכ'ן פארענדיגן דעם פראיעקט. NYSERDA ביישטייערט 65,000 דאלער אין שטיצע דורך דעם 'לאָו-רייז ניו קאנסטראָקשען' פראגראם. דער 'קאמיוניטי פרעזערוועישען קארפארעישען' האט צוגעשטעלט 12 מיליאן דאלער אין קאנסטרוקציע פינאנצירונג, ווי אויך 5.5 מיליאן דאלער אין קביעות'דיגע פינאנצירונג דורך איר צוזאמארבעט מיט'ן ניו יארק סטעיט אלגעמיינע רעטייערמענט פאָנד. דוטשעס קאונטי האט אויסגעטיילט 500,000 דאלער אין HOME געלטער.

אין דעם 2022-23 סטעיט בודזשעט, האט גאווערנער האוקול פארלענגערט און פארברייטערט ניו יארק סטעיט'ס בליענדן [בראָונפילד אויפרוימונג פראגראם](), וועלכס איז באשטימט געווען אפצולויפן אין דעצעמבער 2022. דער פראגראם איז ווידער אויטאריזירט געווארן פאר 10 יאר. דער בודזשעט פארבעסערט דעם BCP דורך באלוינען אויפרוימונג אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן. אין צוגאב טוט דער פראגראם ווידער-באשטעטיגן גאווערנער האוקול'ס אנטשלאסנקייט צו צוגענגליכע

האָוזינג אנטוויקלונג דורך פארברייטערן דעם אוניווערס פון צוגענגליכע האָוזינג פראגראמען בארעכטיגט פאר BCP פראָפערטי שטייער קרעדיטס, און באזארגט העכסט-נויטיגע בענעפיטן צו באלוינען דאס ווידער-אנטוויקלען בראָונפילדס אלס העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג. ווייטער טוט דער BCP איצט מוטיגן דאס אנטוויקלען געוויסע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען, מיט נייע שטייער קרעדיטס, צו העלפן פאקוסירן BCP-געטריבענע ווידער-אנטוויקלונג און נאכקומען די סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן.

**ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״אזוי ווי עס וואקסט פאקיפסי׳ס עקאנאמיע און ציעט צו נייע איינוואוינער, מוזן מיר זיכער מאכן אז עס זענען פאראן צוגענגליכע וואוינונגען צו באשיצן לאנג-יעריגע איינוואוינער, פאמיליעס און יחידים מיט ספעציעלע באדערפענישן פון ערקצעונג. די 23 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט ברענגען 75 נייע דירות צום אויבערשטן מיל סטריט געגנט און העלפן שטיצן א מער פיסגייער-גינציגן און צוציענדן דאונטאון געגנט, און גלייכצייטיג פארבעסערן דער שטאט׳ס אויפקומענדע ארטיסטישע קאמיוניטי. מיר זענען באגייסטערט זיך ווידעראמאל צו פאראייניגן אין שותפות מיט ׳קיערני ריעלטי׳ און ׳הודסאן ריווער האָוזינג׳ אויף נאך א הצלחה׳דיגן דעוועלאָפּמענט.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״מיט׳ן פארענדיגן דעם ׳קראנעל סקווער׳ פראיעקט, וועלן פאקיפסי איינוואוינער איצט האבן געהעכערטע צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג וועלכס באזארגט אן ענערגיע-גינציגע, געזונטע און באקוועמע וואוינונג סביבה מיט א נידעריגע-קארבאן-באניץ. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט שטאלצירט זיך צו שטיצן אזעלכע סארטן פראיעקטן אזוי ווי זיי פירן פאראויס גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו ערגרייכן צוויי מיליאן קלימאט גינציגע וואוינונגען מיט א פאקוס אויף יושר׳דיגקייט כדי צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער געניסן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג שטאלצירט זיך צו האבן א חלק אין העלפן ברענגען צוגענגליכע האָוזינג צו פאקיפסי און צו ווייטער ארבעטן אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט ווידער-אויפצולעבן און אויפרייניגן קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. דאס איז וואס ניו יארק׳ס ׳בראָונפילד׳ אויפרייניגונג פראגראם שטרעבט אויסצופירן און מיר דאנקען ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ און ארטיגע קאמיוניטיס לענגאויף דעם ראיאן וועלכע ארבעטן אויף אויפצוריכטן און איבערמאכן אונטערבאניצטע פראָפּערטיס פאר׳ן גוטס פון הודסאן וואלי און אלע ניו יארקער.״

**סטעיט סענאטארקע סו סערינא האט געזאגט,** ״דאס פארענדיגן דעם וואונדערליכן פראיעקט האט נישט געקענט קומען צו א בעסערע צייט, אזוי ווי אונזער קאמיוניטי נויטיגט זיך שטארק אין הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג. מיר זענען דאנקבאר צו די ׳קיערני ריעלטי׳ און ׳דעוועלאָפּמענט גרופ אינק.׳ און ׳הודסאן ריווער האָוזינג׳ פאר׳ן מאכן אזא שטארקע אינוועסטירונג אין דער שטאט פאקיפסי און פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן אז אונזערע שכנים האבן צוטריט צו אזא אייגנארטיגן ארטיגן פלאץ.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאנעטען דזשעיקאבסאן האט געזאגט,** ״דאס איז גאר א גוטע ביישפיל פון א פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפט און עס ווייזט די ׳קיערני׳ גרופע׳ס אנטשלאסנקייט צוצושטעלן הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג אין שטאט פאקיפסי.״

**פאקיפסי מעיאר ראב ראליסאן האט געזאגט,** ״די שטאט פריידט זיך זייער אז דער פראיעקט איז געקומען צו דער ווירקליכקייט.״ מיר האבן א ריזיגע נויט פאר צוגענגליכע האָוזינג אין דער שטאט, און

׳קראנעל סקוועך׳ פארמאגט אן אויסגעצייכנטער געמיש פון האָוזינג יוניטס וועלכע ברענגען צו דעם ארט א שפע אקטיוויטעטן און וועט אונטערהייבן דערנעבנדע ביזנעסער אויך.״

**׳הודסאן ריווער האָוזינג׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר קריסטע היינס האט געזאגט,** ״׳הודסאן ריווער האָוזינג׳ גלייבט אין צוגענגליכע האָוזינג אלס דער קריטיש-וויכטיגער יסוד פון בליענדע קאמיוניטיס וועלכע באזארגן געלעגנהייטן פאר יעדן. אונזער היים איז דער יסוד פון וועלכע מיר קענען אלע ערגרייכן אונזער פולן פאטענציעל. פונדעסטוועגן זענען צופיל פאקיפסי איינוואוינער אנגעשטרענגט אויסצוהאלטן דעם יסוד, איבערהויפט אז האָוזינג קאסטן האלטן אין איין שטייגן. מיר שטאלצירן זיך צו זיין א טייל פון ברענגען ׳קראנעל סקוועך׳ צו דער ווירקליכקייט אלס א וויכטיגער טריט אין פארזיכערן צוגענגליכקייט אינ׳ם שטאט פאקיפסי פאר׳ן לאנגן טערמין.״

**ניו יארק סטעיט קאמפטראלער טאמאס דינאפאלי האט געזאגט,** ״ריעל עסטעיט אינוועסטירונגען האבן צוגעשטעלט ברייטע רווחים פאר׳ן סטעיט פענסיע פאָנד און זענען געווען א טובה פאר פילע ערטער פון אָפּסטעיט ניו יארק. מיר שטאלצירן זיך אז דער סטעיט פענסיע פאָנד קען העלפן ווידער-אויפלעבן ניו יארק׳ס קאמיוניטיס און ברענגען העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג צו די וועלכע נייטיגן זיך דערין.״

**דוטשעס קאונטי עקזעקיוטיוו מארק מאלינארא האט געזאגט,** ״מיט׳ן אויפשטייג אין לעבנס-קאסטן לענגאויס אונזער ראיאן און לאנד, איז דאס האבן מער צוגענגליכע האָוזינג צוגעשטעלט פאר דוטשעס קאונטי און דער שטאט פאוקיפסי נאך וויכטיגער ווי סיי ווען פריער. די דירות וועלן העלפן שטיצן ארטיגע פאמיליעס, ארטיסטן, און די וועלכע וואוינען מיט פלאגענישן ווי למשל פיזישע אומפעאיגקייטן אדער גייסטישע קרענק. מיר זענען דאנקבאר צו האבן די הערליכע נייע געביידע אין אונזער הויפט טייל פון קאונטי און צו ׳קיערני ריעלטי׳ און ׳דעוועלאָפּמענט גרופּ אינק.׳, און ׳הודסאן ריווער האָוזינג׳ פאר זייער טריישאפט אויף צו פארבעסערן דעם געגנט.״

**דער ׳קאמיוניטי פרעזערוועישען קארפארעישען׳ סיניאָר וויצע פרעזידענט און ראיאנישע דירעקטאר דאג אלקאט האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך צו האבן די מעגליכקייט צו העלפן פינאנצירן נאך א פראיעקט מיט אונזער לאנג-יעריגע צוזאמארבעטער ביי ׳קיערני ריעלטי׳ צו העלפן פארזעצן ווייטער דאס אויפלעבן די פאקיפסי קאמיוניטי. די טראנספארמאציע פון דעם לאַט פון א פּאַרקינג לאַט און געוועזענע ׳בראָונפילד׳ ארט אויף א הערליכער, ענערגיע-שפּארעוודיגע געביידע איז עפעס מיט וועלכן מיר קענען זיך אלע שטאלצירן. ׳קראנעל סקוועך׳ וועט זיין א לעבהאפטע קוואל פון צוגענגליכע האָוזינג וועלכס וועט באזארגן א זיכערע און שטיצנדע סביבה פאר אירע טענאנטן, און וועלכס וועט זיין א צענטראלן פונקט פאר דער קאמיוניטי. איך וויל דאנקען קען און שעאן קיערני, ׳הודסאן ריווער האָוזינג׳, גאווערנער האוקול און איר מאנשאפט ביי HCR, און קאמפטראלער דינאפאלי און אונזערע אויסלייער שותפים ביים סטעיט׳ס פענסיע פאָנדח פאר זייער שטיצע.״

**׳קיערני ריעלטי׳ און ׳דעוועלאָפּמענט גרופּ׳ פרעזידענט קען קיערני האט געזאגט,** ״׳קראנעל סקוועך׳ איז נאך א הצלחה׳דיגערביישפיל פון ניו יארק סטעיט׳ס אינאווירנדע מיטלמעסיגע איינקונפט האָוזינג פראגראם. אמאל אן אונטערבאניצטע פּאַרקינג לאַט איז איצט א וואוין-ארט פאר א לעבהאפטע געמישטע איינקונפט קאמיוניטי. מיר שטאלצירן זיך צו ברענגען דעם דינאמישן דעוועלאָפּמענט צו דער שטאט פאקיפסי, און מיר זענען דאנקבאר צו אונזערע צוזאמארבעטער וועלכע האבן געהאלפן ברענגען דעם דעוועלאָפּמענט צו דער ווירקליכקייט; ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳; ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג; די שטאט פאוקיפסי; און דער דוטשעס קאונטי פלאנירונג דעפארטמענט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418